# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.....................4:12
מוצאי שב"ק......................5:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................שמואל-ב ז'-ח'
בבלי.........................תענית ט"ו
ירושלמי...............גיטין מ"ז
תוספתא..........................נזיר ו'
רמב"ם.........פסולי המקדשין ג'


פרשת וישב, כ"ג כסלו, מברכים חודש טבת, שנת תשפ"ב לפ"ק | שנה 11, גליון 13 (528)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיְהִי ה' אֶת יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶוען מִיט יוֹסֵף, אוּן עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פ"ו, ה') אוֹיף דֶעם פָּסוּק אַז יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען "גְּבַר קַפּוּז", אַ פְרֵיילִיכֶער אוּן טַאנְצֶעדִיגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז אַלֶעמָאל גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעלֵייגְט אוּן פְרֵיילִיךְ, אוּן גֶעטַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", ס'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט מַאֲרִיךְ אַז אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען נָאר וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, וֶוערְט עֶר אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע קְרֶענְק. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶעם וֶועלְן אַלֶע וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן אַלֶע קְרֶענְק אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריִקַייטְן אוּן צָרוֹת אִין לֶעבְּן, צִי מְ'ווִיל יָא צִי נִישְׁט אִיז דָאס דֶער פַאקְט אַז קֵיינֶער לֶעבְט נִישְׁט קַיין הָאנִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט, יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת יָא זִיךְ צוּ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אֲפִילוּ וֶוען סְ'קוּמְט אָן שְׁוֶוער.

דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אָן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיז נִישְׁט בְּלוֹיז אַ גוּטֶע עֵצָה אִין לֶעבְּן, נָאר דָאס אִיז מַמָּשׁ לֶעבְּנְסְווִיכְטִיג, אָן דֶעם קֶען אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט אָנְגֵיין, נִישְׁט בְּרוּחָנִיּוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוּת. ווִי נָאר אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, עֶר וֶוערְט דֶעפְּרֶעסְט אוּן נָאכְגֶעלָאזְט, קֶען דָאס אִים זֵייעֶר שְׁנֶעל בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן. מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד הַאלְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ אוּן גוּטְמוּטִיג, וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶר הָאט דִי כּוֹחוֹת אוֹיפְצוּטוּן אוּן מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט אִין לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קס"ט), "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אָפּ פוּן עֲבֵירוֹת". נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב', סִימָן א') "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער ס'אִיז פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מַצְלִיחַ.

יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז אַרִיבֶּער גָאר אַסַאךְ שְׁוֶועריִקַייטְן אוּן צָרוֹת, זַיינֶע בְּרִידֶער הָאבְּן אִים פַיינְט גֶעהַאט אוּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ'עֶנֶען, מְ'הָאט אִים פַארְקוֹיפְט פַאר אַ קְנֶעכְט, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאדִינֶען דֶעם טָמֵא'נֶעם מִצְרִי פּוֹטִיפַר אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט דָארְט שְׁוֶועֶרע נִסְיוֹנוֹת, מְ'הָאט גֶעמַאכְט אוֹיף אִים פַאלְשֶׁע בִּלְבּוּלִים אוּן אִים אַרַיינְגֶעשְׁלֶיידֶערְט אִין טוּרְמֶע, אָבֶּער טְרָאץ דִי אַלֶע צָרוֹת הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן פֶעלְזְן פֶעסְט אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט צֶעבְּרֶעכְן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל, טְרָאץ דִי אִיבֶּערְגֶענוּג סִיבּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ זַיין אַלְץ גוּטְמוּטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס הָאט אִים אָפְּגֶעהִיטְן אוּן דֶערְהַאלְטְן.

שְׁטֶעלְט זִיךְ אָבֶּער דִי פְרַאגֶע ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ בִּיטֶערֶע צַייטְן אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם גֶעפוּנֶען מִיר טַאקֶע בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיֵּשֶׁב ח') אוֹיפְ'ן פָּסוּק וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ, פּוֹטִיפַר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף, פְרֶעגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, "דֶער רָשָׁע פּוֹטִיפַר הָאט דֶען גֶעזֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ? ! ווִי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף ?", נָאר יוֹסֵף הָאט אַלְץ גֶעבֶּעטְן שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט, וֶוען עֶר אִיז אַרַיין צוּ פּוֹטִיפַר אִים צוּ בַּאדִינֶען הָאט עֶר גֶעמוּרְמְלְט אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעפוּנֶען חֵן אִין דִי אוֹיגְן פוּן יֶעדְן, אוּן אִין דִי אוֹיגְן פוּן מַיין הַאר פּוֹטִיפַר", אוּן וֶוען פּוֹטִיפַר הָאט גֶעזֶען ווִי יוֹסֵף מוּרְמְלְט עֶפֶּעס שְׁטִיל, הָאט עֶר אִים פַארְגֶעהַאלְטְן וָואס עֶר טוּט, "וָואס זָאגְסְטוּ דָארְט שְׁטִילֶערְהֵייט ? דוּ מַאכְסְט כִּישׁוּף אוֹיף מִיר ?", הָאט יוֹסֵף גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר מַאכְט נִישְׁט קַיין כִּישׁוּף חַס וְשָׁלוֹם, עֶר בֶּעט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דֶעם הָאט פּוֹטִיפַר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט יוֹסֵף.

וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאקוּמְט עֶר אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַלֵיין, עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלְץ מִיט אִים, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, עֶר זָאל קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ וֶוען זַאכְן

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### סְ'קוּמְט שׁוֹין חֲנוּכָּה

מִיר טְרֶעטְן שׁוֹין אָט אָט אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וֶוען מִיר צִינְדֶען אָן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לִיכְט, לַייכְט דָאס אוֹיף אוּנְזֶער הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, מִיר דַארְפְן אוֹיסְנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג אוֹיפְצוּלַייכְטְן אוּן אוֹיפְצוּשַׁיינֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, אַז דָאס זָאל שׁוֹין אָנְהַאלְטְן אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער, אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר.

### קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ מִיט וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אִין דִי טֶעג, אִיז מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַייט פוּן אוּנְז, מִיטְ'ן קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מִיר הָאבְּן, אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אַלֶע גוּטְס וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט בַּיי "עַל הַנִּסִּים" דִי וֶוערְטֶער "וְקָבְעוּ שְׁמוֹנַת יְמֵי חֲנוּכָּה לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל", דִי טֶעג זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט צוּ לוֹיבְּן אוּן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כָאטְשׁ אַ גַאנְץ יָאר דַארְף מֶען אוֹיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אָבֶּער דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה מֶער מְסוּגָל פַאר דֶעם.

אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים וָואס מֶען הָאט, דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוֹיף דִי פִילֶע טוֹבוֹת אוּן חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג.

דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט בְּלִינְד דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶען דִי גוּטֶע חֲסָדִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וֶוען מֶען זִיצְט אָבֶּער בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, דַארְף מֶען אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען אַז מֶען אִיז ב"ה גֶעזוּנְט, אַז דִי מִשְׁפָּחָה אִיז גֶעזוּנְט, אַז מֶען הָאט אוֹיגְן צוּ זֶען, אוֹיעֶרְן צוּ הֶערְן, צֵיינֶער צוּ עֶסְן, הֶענְט אָנְצוּכַאפְּן, אוּן פִיס צוּ גֵיין. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אַז מֶען גֵייט מִיט

<<<<<<

## א גוט ווארט

זֶעקְס אַזֵייגֶער דַארְף מֶען שׁוֹין זַיין נָאךְ מַעֲרִיב, נָאךְ מִקְוֶה אוּן נָאךְ אַלֶע הֲכָנוֹת – צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה. מֶען דַארְף זִיצְן בַּיי דִי לִיכְט ווֵיינִיגְסְטְנְס אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, זִינְג דִי זְמִירוֹת אוּן זִינְג אֵייגֶענֶע אִידִישֶׁע נִיגוּנִים, אֵייגֶענֶע אוֹיפְגֶעמַאכְטֶע אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע הֵיימִישֶׁע נִיגוּנִים, ווִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל:

"אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ - נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין לָאךְ, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין - נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ גֵיין, גֶעשְׁלָאפְן אִין גַאס - קַאלְט אוּן נַאס, יֶעצְט זִיץ אִיךְ אִין שְׁטוּבּ - מֶען הָאט זִיךְ אַזוֹי לִיבּ, מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְד - אוֹיף דֶעם דַאנְק אִיךְ דִיר אַצִינְד".

קוּק אוֹיף דִי לִיכְט אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים, וַוייל דוּ בִּיסְט אַ גְרוֹיסֶער נֵס.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תשפ"ב)



דער מולד וועט זיין: שבת נאכמיטאג 39 מינוט און 14 חלקים נאך 1 | ראש חודש טבת יהיה ביום שבת קודש ולמחרתו ביום הראשון

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# הַנְהָגוֹת פַאר דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

יֶעצְט קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר הַנְהָגוֹת:

- מִיר פִּירְן זִיךְ אָנְצוּטוּן בִּגְדֵי שַׁבָּת (שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקִיטְשֶׁע) בֶּעפָארְן צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט, מֶען בְּלַייבְּט זִיצְן מִיט דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת דִי הַאלְבֶּע שָׁעָה אָדֶער מֶער– וָואס מֶען זִיצְט בַּיי דִי לִיכְט.
- מִיר צִינְדְן נִישְׁט בַּיים פֶּענְסְטֶער וַוייל הַיינְט אִיז דִי עִיקָר פִּרְסוּמֵי נִיסָא אִין שְׁטוּב, מִיר צִינְדְן בַּיי אַ טִיר, בַּיי דִי לִינְקֶע זַייט.
- עֶס אִיז כְּדַאי צוּ כַאפְּן אַ טְבִילָה בֶּעפָארְ'ן צִינְדְן, אָבֶער דָאס קֶען נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן דָאס צִינְדְן.
- עֶרֶב שַׁבָּת חֲנוּכָּה צִינְדְט דֶער מַאן אָן קוֹדֶם דִי מְנוֹרָה אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם צִינְדְט דִי וַוייבּ דִי שַׁבָּת לִיכְט.
- מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲנוּכָּה מַאכְט מֶען קוֹדֶם הַבְדָלָה אוּן נָאכְדֶעם צִינְדְט מֶען אָן דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט.
- מֶען דַארְף זַיין אִין שְׁטוּב אַלֶע נֶעכְט חֲנוּכָּה צַייטְלִיךְ, אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ, אִין הֲפָצָה - דַארְפְן אַלֶעס אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן אַהֵיים גֵיין צִינְדְן אִין צַייט, זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה.
- חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן "לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל", מֶען דַארְף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשפ"ב)

>>>>>>

גֵייעֶן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל.

אוֹיךְ הָאט יוֹסֵף הַצַּדִיק גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, וִוי דֶער בַּעַל הַטוּרִים שְׁרַייבְּט אוֹיפְ'ן פָּסוּק כִּי בֶן זְקֻנִים הוּא לוֹ, דָאס וָוארְט "זְקֻנִים" אִיז נוֹטָרִיקוֹן "זְרָעִים קָדָשִׁים נָשִׁים יְשׁוּעוֹת מוֹעֵד". וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט עֶר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:) "וְטוֹב לֵב מִשְׁתֶּה תָמִיד, אֵלּוּ בַּעֲלֵי מִשְׁנָה".

וֶוען אַ אִיד אִיז אֱמֶת'דִיג פְרֵיילִיךְ, גִיסְט זִיךְ דָאס אוֹיךְ אַרִיבֶּער אוֹיף אַנְדֶערֶע אַרוּם אִים, עֶר מַאכְט פְרֵיילִיךְ יֶעדְן וָואס שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים. דָאס זֶעט מֶען בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִיק אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער שַׂר הַמַשְׁקִים אוּן דֶער שַׂר הָאוֹפִים זֶענֶען טְרוֹיעֶרִיג, וַיַּרְא אֹתָם וְהִנָּם זֹעֲפִים, הָאט עֶר עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, עֶר הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זֵיי זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זֵיי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶעמָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אוֹיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אֱמֶת'עֶ צַדִיקִים וָואס זָאלְן אוּנְז פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל וַיֵּשֶׁב תשס"ה, וְעוֹד)

>>>>>>

בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, מִיט צִיצִית, מִיט אַ קַאפְּל, אַז מֶען הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְ'ן טִיר, אַז מֶען לֵייגְט תְּפִלִין, אַז מֶען הִיט שַׁבָּת, אַז מֶען עֶסְט כָּשֵׁר'ס. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, צוּ דַאוֶוענֶען, צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי לִיסְטֶע עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט.

וֶוען מֶען טְרַאכְט אִין דֶעם אַרַיין, זֶעט מֶען אַז דִי פִּילֶע גוּטְס וָואס מֶען הָאט, וֶועגְט גָאר שְׁטַארְק אִיבֶּער דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט. אוּן דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ דַאנְקֶען אוּן צוּ לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ "חֶרֶב פִּיפִיּוֹת", אַ שְׁוֶוערְד וָואס אִיז שַׁארְף פוּן צְוֵויי זַייטְן. פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ סַךְ מָאל אִיז דִי הַארְץ פַארְשְׁטָאפְּט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אָבֶער אַז מֶען הוֹיבְּט אָן קוֹדֶם צוּ קוּקְן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט שׁוֹין יָא, אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, דַאן זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין אַ סַךְ מָאל גֶעהָאלְפְן, אוּן דָאס עֶפֶענְט דִי הַארְץ צוּ בֶּעטְן אוֹיךְ דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט.

דֶער הֵיילִיגֶער "קְדוּשַׁת לֵוִי" זי"ע אִיז מַסְבִּיר דָאס וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ז.) אַז אַ 'צַדִיק גָמוּר' אִיז 'צַדִיק וְטוֹב לוֹ', אוּן אַ 'צַדִיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז 'צַדִיק וְרַע לוֹ'. זָאגְט עֶר אַז אַ 'צַדִיק גָמוּר' פוּן אִים הֶערְט מֶען אֵייבִּיג נָאר אַז אִיז אִים גוּט אוּן פֵיין, עֶר אִיז אַ 'צַדִיק וְטוֹב לוֹ' עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר פַארְמָאגְט. אָבֶער אַ 'צַדִיק שֶׁאֵינוֹ גָמוּר' אִיז אַ 'צַדִיק וְרַע לוֹ', מֶען הֶערְט אֵייבִּיג פוּן אִים וִוי שְׁלֶעכְט עֶס גֵייט אִים דָאס לֶעבְּן, עֶר אִיז אַ 'צַדִיק וְרַע לוֹ', עֶר זֶעט נָאר דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט.

דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז עֶס נָאר דָא טֶבַע, נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט נָאר אַז דִי וֶועלְט פִּירְט זִיךְ מִיט טֶבַע מִקְרֶה אוּן מַזָל, עֶס גֶעשֶׁעט זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ אִיד פַאלְט אַרַיין אִין דִי קְלִיפָּה פוּן דִי יְוָנִים, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט, דַאן אִיז עֶר אוֹיף גֶעהַאקְטֶע צָרוֹת; יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, מַאכְט אִים אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ וֶוענְדְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים הֶעלְפְן.

יֶעצְט אָבֶער אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע חַשְׁמוֹנָאִים בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים, אוּן נִישְׁט אוֹיף אַ דֶרֶךְ הַטֶבַע, דִי חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען גֶעוֶוען אַ סַךְ וֵוייניגֶער אוּן אַ סַךְ שְׁוַואכֶער פוּן דִי יְוָנִים, וַוייל זֵיי הָאבְּן אָבֶער זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים. אוּן דָאס דַארְף אוּנְז אוֹיךְ לֶערְנֶען אַז עֶס נִישְׁט דָא קַיין דֶרֶךְ הַטֶבַע, אַלֶעס פִּירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וֶוען מֶען וֵוייסְט דָאס, עֶפֶענְט מֶען אוֹיף דִי מוֹיל אוּן מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט, אוּן מֶען בֶּעט אוֹיךְ אוֹיף וַוייטֶער.

וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ דָאס צוּ טוּהן, וֶועט עֶר הָאבְּן דִי גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט. עֶר וֶועט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

### הַאק נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן

וֶוען עֶס וֶוערְט טוּנְקְל אִין אַ צִימֶער וואוּ מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ, וֶוערְט דָארְט אַ גְרוֹיסֶע בֶּהָלָה. אֵיינֶער זֶעט נִישְׁט דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען הַאקְט אַרַיין אֵיינֶער אִינֶעם צְוֵוייטְן אוּן עֶס טוֹיג נִישְׁט דֶער מַצָב. אֵיינְמָאל עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִיז מַמָשׁ אַ מְחַי', מֶען זֶעט וואוּ יֶעדֶער שְׁטֵייט, אוּן דַאן קֶען יֶעדֶער גֵיין זַיין וֶועג אָן דַארְפְן שְׁטֶערְן אַ צְוֵוייטְן.

אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה טֶעג, וֶוען מֶען צִינְדְט אָן דִי לִיכְטֶעלֶעךְ פוּן דִי מְנוֹרָה, אוּן מִיר זֶענֶען נָאךְ פוּן דִי מְהַדְרִין מִן הַמְהַדְרִין אַז יֶעדֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה צִינְדְט אָן דִי מְנוֹרָה, אוּן יֶעדֶע נַאכְט לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַ לִיכְטְל, דַארְף דָאס אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן אוֹיפְלַייכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן, אַז מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן זֶען אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז דָא אַלֶע סָארְט פַארְשִׁידֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע גֶעפִילְן, אוּן מֶען דַארְף אָנְהוֹיבְּן זִיךְ צוּ רֶעכֶענֶען מִיט יֶענֶעמְ'ס גֶעפִילְן, נִישְׁט אַרַיינְצוּהַאקְן אִין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר יֶעדֶער זָאל זִיךְ גֵיין זַיין אֵייגֶענֶע וֶועג.

דִי חֲנוּכָּה לִיכְט צִינְדְט מֶען אָן "עַד שֶׁתִּכְלֶה רֶגֶל מִן הַשּׁוּק" בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן דִי לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת, דָאס אַרוּם טְרָאגְן פוּן אֵיינֶעם צוּם צְוֵוייטְן אוּן אָנְזֵייעֶן מַחְלוֹקֶת. חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס דַארְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אַלֶע אִידְן זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן אִינְאֵיינֶעם, נָאר שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן נִישְׁט מַאכְן ח"ו קַיין מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן אִידְן.

שָׁלוֹם הוֹיבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין. דַאן וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיךְ קְרִיגְן מִיט זַיינֶע אַרוּמִיגֶע. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ אָבֶער פְרֵיילִיךְ, עֶר הַאלְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, עֶר לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ, וֶועט עֶר אוֹיךְ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

חֲנוּכָּה אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אִיד, אוּן נִישְׁט זַיין פַארְמִישְׁט אִין קַיין שׁוּם סָארְט מַחְלוֹקֶת.

### וֶועקְט אַייךְ אוֹיף

וֶוען עֶס וֶוערְט לִיכְטִיג אִין שְׁטוּב וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף. דָאס אִיז נָאךְ אַ זַאךְ צוּ וָואס חֲנוּכָּה אִיז מְסוּגָל, דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס דִי חֲנוּכָּה לִיכְט בְּרֶענְגֶען אַרַיין, וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין טִיפְן שְׁלָאף וָואס עֶר שְׁלָאפְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם פַארְשְׁלָאפְן, וִוי אַ לְבָנָה קְרִיכֶער, אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפַּאצִירְט אַרוּם אִינְמִיטְן שְׁלָאף. עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט אוּן גֵייט, עֶר גֵייט אָן אִין לֶעבְּן, אָבֶער זַיין מֹחַ שְׁלָאפְט, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן אוֹיבּ עֶר אִיז וַואךְ אָדֶער עֶר שְׁלָאפְט? וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אוֹיף, אוּן וֶוען עֶר רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן שְׁלָאפְט עֶר, זַיין מֹחַ אִיז פַארְשְׁלָאפְן.

וֶוען יַעֲקֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף, זָאגְט דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, טז) "וַיִּיקַץ

<<<<<<

>>>>>>

יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אָכֵן יֵשׁ ה׳ בַּמָּקוֹם הַזֶּה". וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען אַז מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן שְׁלָאף? וֶוען מֶען קֶען זָאגְן מִיט אַ פוּל מוֹיל "אָכֵן יֵשׁ ה׳ בַּמָּקוֹם הַזֶּה", מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען פִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג, אוּן מֶען הוֹיבְּט צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

בַּיי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן זָאגְט רַשִׁ"י "לְהַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל אַהֲרֹן שֶׁלֹּא שִׁינָּה", אַלֶע מְפוֹרְשִׁים מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט דֶעם, דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע גְרוֹיסְקַייט פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּהן אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן?

אָבֶער רַשִׁ"י אִיז דָא מְרַמֵּז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ "שֶׁלֹּא שִׁינָּה" - אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט אַנְדֶערֶע אִידְן שְׁלָאפְן. מִיט דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעצִינְדֶען הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַ לִיכְטִיגְקַייט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאפְן, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי מַתָּנָה בַּאקוּמְט מֶען פוּן אַ צַדִּיק, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין צוּ אַ צַדִּיק, וֶוערְט עֶר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי מִשְׁנָה (תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א׳) "סְתָם חֵרֵשׁ אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", אַז מֶען אִיז אַן "אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ" - מֶען הֶערְט נִישְׁט צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִּיק, דַאן אִיז מֶען אַן "אֵינוֹ מְדַבֵּר" - מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד דַארְף אוֹיפְזוּכְן אוּן טְרֶעפְן אַ צַדִּיק וָואס קֶען אִים אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, וָואס קֶען אִים מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשְׁלָאפְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן, נָאר עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן פ"ג) אַז מָשִׁיחַ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אוֹיף דִי לָשׁוֹן פוּן 'מֵשִׂיחַ' אִלְּמִים. מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (צְפַנְיָה ג, ט) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה׳ לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד". בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ עִנְיָנֵי חֲנוּכָּה)

---

>>>>>>

עמערזשענסי קאמפיין אונטערן נאמען "ורפא ירפא", מיט'ן ציל צו שאפן געלט צו קענען ראטעווען דאס לעבן פון אונזער טייערער חבר ר' יצחק בן פיגלא לרפואה שלמה במהרה.

דער קאמפיין האט שוין אריינגעברענגט שיינע סכומים, אבער נאך ווייט פון וויפיל עס פעלט זיך אויס. דער קאמפיין גייט אבער נאכאלץ אן, און אידן קענען זיך נאך ווייטער משתתף זיין.

אונזער טייערער באליבטער חבר ר' יצחק איז ליידער אנגעשטעקט געווארן מיט די ווירוס אויף גאר א שווערע פארנעם מיט צוויי חדשים צוריק, פון וואס זיינע לונגען זענען זייער שטארק אינפעקטירט געווארן, און ער איז יעצט צוגעבינדן צו אן עקמא מאשין צו קענען אטעמען.

די משפחה און עסקנים האבן שוין אריין געלייגט איבערמידליכע כוחות און טוען ווייטער אלעס וואס מעגליך אים צו היילן, אבער פארשטייט זיך אז דאס שלעפט אריין אין ריזיגע געלטער ביז עס איז געקומען צו א מצב וואס מען האט זיך שוין אריינגעלייגט אין שווערע חובות און מען זעט זיך נאך ווייטער מיט גאר גרויסע הוצאות וואס מען דארף באצאלן צו קענען אריינברענגען די ריכטיגע גרויסע ספעציעליסטן צו קענען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ברענגען צו זיין גאנצע רפואה ווי אמשנעלסטן. עס מוז קריטיש געשאפן ווערן די סומע פון $250,000 צו קענען ווייטער אנגיין אז מיר זאלן נישט דארפן זיך אפשטעלן חס ושלום צוליב געלט.

מיט זיין געוואלדיגע עקספערטיז האט ר' יצחק אזויפיל געהאלפן פילע אידישע קינדער, אויף וואס פילע פון אונז קענען מעיד זיין, ער האט אוועקגעגעבן זיין לעבן צו העלפן אנדערע אידן מיט זיין גאנצע הארץ, ער האט געראטעוועט פילע חולי ישראל, און יעצט איז די צייט אים ארויסצוהעלפן.

טייערע אידן, עפנט אייער הארץ און קעשענע און געבט א ווארעמע נדבה אין די הצלת נפשות קאמפיין, צו קענען טון אלע מעגליכקייטן צו ברענגען די ערווארטעטע ישועה און רפואה ווי שנעלער. דער "ורפא ירפא" קאמפיין לויפט די וואך, מ'קען מנדב זיין אויפ'ן טעלעפאן דורכ'ן רופן 718-540-5728, אדער אויף charidy.com/vrapoi

דער עיקר לאמיר ווייטער מתפלל זיין און בעטן דעם אייבערשטן פאר א גאנצע רפואה פאר יצחק בן פיגלא, ער זאל זיין געזונט און שטארק ברמ"ח אבריו ושס"ה גידיו, פאר לאנגע געזונטע יארן.

**רפאנו ה' ונרפא!**

---



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# פַאְרוָואס דַוְקָא בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, וֶוערְט מִיר שְׁוֶוערֶער?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ פְלֶעג מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶער אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעהֶערְט דָאס צוּ טוּן, וַוייל אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט זֵייעֶר אַן אִינְטֶערְסַאנְטֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט וֶוען אִיךְ מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת.

אִיךְ פְלֶעג דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע נַאכְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי מַיין גַאנְצֶע טָאג אִיז פַארִיבֶּער, אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. אֵיין נַאכְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין אִיךְ הָאבּ אִים דַאן דֶערְצֵיילְט מַיין טָאג. דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג הָאבּ אִיךְ אָבֶער גֶעוֵויינְט פַאר גָארְנִישְׁט, אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶערֶעדְט צוּ אִים אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען גוּט, נָאר דִי רֶגַע וָואס אִיךְ הוֹיבּ אָן רֶעדְן צוּ אִים, שׁוֹין וֵויין אִיךְ.

אַפָאר מָאל אוֹיבּ אִיךְ וִויל עֶפֶּעס, הַאלְט אִיךְ זִיךְ אַיין פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אִיךְ בֶּעט נִישְׁט אִיז אַלֶעס גוּט. אֵיינְמָאל אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט, אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז ס'אִיז אַ שָׁאד אַז אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן. אִיךְ טְרַאכְט אַז אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אֶפְשָׁר וָואלְט אַלֶעס גוּט גֶעוֶוען.

אָבֶער וָואס פַּאסִירְט נָאכְדֶעם אִיז אַז אִיךְ וֶוער אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ וִויל בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל חִיזּוּק אוֹיף דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ קָאוּמֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, קֶען אוֹיךְ אוֹיסְקוּקְן אַז אַלֶעס אִיז גוּט; מֶען וֵויינְט נִישְׁט, מֶען לַאכְט נִישְׁט, מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט. אָדֶער וֶוען מֶען שְׁלָאפְט, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט מֶען אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, מֶען וֵויינְט נִישְׁט, מֶען לַאכְט נִישְׁט, מֶען דַארְף נִישְׁט, אַלֶעס אִיז גוּט; וֶועט אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן: 'הַלְוַואי פַאל אִיךְ אַרַיין אִין אַ קָאוּמֶע'? אָדֶער: 'הַלְוַואי שְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט אוֹיף'? עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט אַז זֵיי ווִילְן טַאקֶע זַיין אִין אַ קָאוּמֶע, זֵיי ווִילְן נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין, אָבֶער אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ וִויל יָא אוֹיפְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ אֶפְשָׁר וֶועט עֶר הַיינְט וֵויינֶען, אֲפִילוּ עֶר וֶועט הָאבְּן אַ דוּרְכְפַאל - דָאךְ וִויל מֶען לֶעבְּן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועקְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף פוּן שְׁלָאף, ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טְרַאכְט נִישְׁט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז עֶר אַזוֹי וִוי אִין אַ קָאוּמֶע; אֲפִילוּ עֶר גֵייט אוּן קוּמְט, טוּט אוּן מַאכְט - אִיז אַלֶעס אַזוֹי וִוי אִין חָלוֹם, מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיף; וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶערְוֶועקְט מֶען זִיךְ, מֶען הֵייבְּט אָן זַיין וַואכֶעדִיג.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אִים אוּן טוּט וַוייטֶער אֵייעֶר אַלְטֶע הַנְהָגָה פוּן אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן דִי טָאג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר אִיבֶּערְגֶעבְּן אֵייעֶר טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים.

רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֵייזְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת, זַיין אֵייגֶענֶע תְּפִיסָה; עֶס הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען וֶוערְט גֶעזוּנְט, מֶען בַּאקוּמְט כֹּחַ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

# אוֹיפְ׳ן הָארְן פוּנֶעם אָקְס

חַזַ״ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח ע״ב): דִי יְוָונִים הָאבְּן גוֹזֵר גֶעוֶוען אַ גְזֵירָה אַז מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְמַאנֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער׳ס נָאמֶען, אוּן אַז מֶען הָאט אֵיינֶעם גֶעהֶערְט רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט מֶען אִים גֶע׳הַרְגְ׳ט. אוּן וֶוען דִי חַשְׁמוֹנָאִים זֶענֶען זֵיי בֵּייגֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז אֲפִילוּ אוֹיף אַ שְׁטַר זָאל שְׁטֵייט דֶערוֹיף דִי נָאמֶען פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ׳בְּסִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא׳ [בס״ד], אָדֶער ׳בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ׳ [בעזהשי״ת], אוּן דָאס גְלַייכְן, אַז אַלֶעס ווֶערְט גֶעפִירְט נָאר מִיטְן הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חַזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ב, ד): דִי יְוָונִים הָאבְּן פִינְסְטֶער גֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן מִיט זֵייעֶרֶע גְזֵירוֹת, זֵיי הָאבְּן גוֹזֵר גֶעוֶוען: **כִּתְבוּ לָכֶם עַל קֶרֶן הַשּׁוֹר שֶׁאֵין לָכֶם חֵלֶק בֵּאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל**, דִי אִידְן זָאלְן אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי הָארְן פוּן דִי אָקְס אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַ מוֹרָא׳דִיגְן טַייטְשׁ [פוּן אַ אַלְטְן אִיד וָואס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אִין יָאר תר״ע, וָואס עֶר הָאט דָאס דֶעמָאלְטְס גֶעהֶערְט פוּן אַ אַלְטְן אִיד אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן עֶס קֶען זַיין אַז עֶר הָאט דָאס נָאכְגֶעזָאגְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן], לְכָאוֹרָה פַארְוָואס אִיז זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן דָאס אוֹיסְצוּקְרִיצְן פוּנְקְט אוֹיף אַ ׳קֶרֶן הַשּׁוֹר׳?! נָאר אַ הָארְן [שׁוֹפָר] קֶען מֶען נוּצְן צוּ מַאכְן דֶערְפוּן אַ מִילְךְ בָּאטְל פַאר אַ קִינְד צוּ טְרִינְקֶען, וַוייל מֶען גִיסְט אַרַיין פוּן דִי בְּרֵייטֶע זַייט אוּן דָאס קִינְד טְרִינְקְט פוּן דִי שְׁמָאלֶע זַייט (עַיֵּין שַׁבָּת לה ע״ב; לו ע״א), אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טָמֶא׳נֶע כַּוָונָה, אַז וֶוען דִי בֶּעיבִּי זֵייגְט נָאךְ, אוּן טְרִינְקְט אַ מִילְךְ בָּאטְל, זָאל עֶר שׁוֹין זֶעהְן אַרַיינְגֶעקְרִיצְט קֶעגְן דִי אֱמוּנָה.

דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר זָאגְט (מַאֲמָרֵי חָדְשֵׁי כִּסְלֵיו טֵבֵת ב, ח): חֲנוּכָּה לַייכְט דֶער ׳אוֹר הַגָּנוּז׳; וָואס אִיז דֶער ׳אוֹר הַגָּנוּז׳?! נָאר דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן דִי יְוָונִים אִיז גֶעוֶוען, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דֶער עִנְיָן פוּן ׳תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה׳ וָואס דָאס מֵיינְט ׳אֱמוּנַת חֲכָמִים׳, אַז מֶען זָאל חָלִילָה נִישְׁט גְלֵייבְּן אִין דִי צַדִּיקִים, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אוּן דִי חַשְׁמוֹנָאִים הָאבְּן זֵיי בַּאזִיגְט, אוּן עֶס אִיז צוּרִיק שְׁטַארְק גֶעוָוארְן דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אִיז גֶעוָוארְן אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה, אַז מִיר גְלֵייבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין דִי חֲכָמִים.

חַזַ״ל פְרֶעגְן (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח, ו): אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת יד, לא): **וַיַּאֲמִינוּ בַּה׳ וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ**, אוֹיבּ אִין מֹשֶׁה הָאבְּן זֵיי גֶעגְלֵייבְט, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?! זָאגְט דֶער מְכִילְתָּא: אַז דִי גַאנְצֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אוֹיךְ נָאר דוּרְךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וַוייל וֶוען נִישְׁט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן בַּאשֶׁעפֶּער. וַוייל דֶער צַדִּיק אִיז מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(קוּנְטְרֵס אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת)

## זייט מתפלל!

פאר ר׳ **יצחק בן פייגלא**

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**

## סימן טוב ומזל טוב

מוה״ר **יואל פארקאש** שליט״א

גבאי ביהמ״ד היכל הקודש קרית יואל

צו די שמחת החתונה פון זיין טאכטער למזל טוב עב״ג

החתן מו״ה **נח הערש** ב״ר ישראל אשר **ווייס** הי״ו

***

החתן מו״ה **שמעון** ב״ר יצחק **אביש** הי״ו

צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב״ג

בת מו״ה **משולם פייש פעלבערבוים** הי״ו

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# קורצע נסיעה צו מקומות הקדושים אין אייראפע מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א

דער ראש ישיבה שליט״א האט זיך ארויסגעלאזט די וואך אויף א קורצע נסיעה צו קברי צדיקים פון די צדיקים וקדושים אין אייראפע, אין באגלייטונג פון בערך 40 תלמידים פון ניו יארק און ארץ ישראל, וועלכע האבן אריינגעברענגט ביים לעצטן קאמפיין פאר די ישיבה גרעסערע סכומים.

מען האט זיך ארויסגעלאזט פון ניו יארק זונטאג אווענט, און מען איז אנגעקומען קיין וויען עסטרייך מאנטאג אינדערפרי, אויפ׳ן פליגער איז דער ראש ישיבה געזעסן און געשריבן בריוו און תשובות א גאנצע צייט.

אין וויען אין עירפארט האט מען זיך צוזאם געטראפן מיט די חבורה פון תלמידים פון ארץ ישראל. דאן איז מען געגאנגען אין וויען אין מקוה, געדאוונט אינעם לאקאלן בית המדרש, וואו דער ראש ישיבה האט עולה געווען לתורה און געבענטשט גומל, און מוציא געווען אלע מיטרייזענדע.

נאכ׳ן עסן פת שחרית האט מען זיך ארויסגעלאזט מיט א באס קיין סלאוואקיע צום שטאט פרעשבורג צום ציון פונעם הייליגן חתם סופר זי״ע. עס האט געהערשט א גרויס התעוררות ביים ציון, מען האט געזאגט תהלים, און מתפלל געווען יעדער וואס ער דארף, און מען האט געזינגען ווארימע ניגונים.

דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט קיין אונגארן, צום שטאט אוהעל, צום ציון פונעם הייליגן ישמח משה זי״ע, וואו מען האט מתפלל געווען מיט גרויס התעוררות און געזונגען מיט גרויס ווארעמקייט. דערנאך איז מען געפארן קיין ליסקא, זיך אויסבעטן ביים הייליגן ציון פון רבי הערשעלע ליסקער זי״ע, בעל אך פרי תבואה.

דערנאך איז מען געווען ביים ציון פונעם צדיק רבי ישעי׳לע קערעסטירער זי״ע, וואו מען האט מתפלל געווען און גע׳פועל׳ט גרויסע ישועות, דער ראש ישיבה שליט״א האט מעורר געווען פאר׳ן אנקומען צום ציון אז מ׳דערציילט גאר גרויסע ניסים און ישועות וואס אידן פועל׳ן אויס אין קערעסטיר, און מ׳זאל זען גוט אויסצונוצן דאס פלאץ זיך אויסצובעטן בדבר ישועה ורחמים. פון דארט איז מען געפארן ווייטער קיין קאלוב, צום הייליגן רבי אייזיקל קאלובער זי״ע. ווייטער איז מען געפארן צום שטאט מאדע, וואו עס ליגן די גרויסע צדיקים דער הייליגער קול ארי׳ זי״ע, דער לבושי מרדכי זי״ע, און נאך. דאס איז נאר א טיילווייזע רשימה וואו מ׳איז אלץ געווען, מ׳האט זיך אפגעשטעלט ביי נאך פילע קברי צדיקים אויפ׳ן וועג.

אויפ׳ן באס צווישן איין ציון און א צווייטן, האט דער ראש ישיבה שליט״א כסדר גערעדט און פארגעלערנט, ס׳איז געווען גאר שיינע שמועסן אויפ׳ן וועג. דער ראש ישיבה שליט״א האט גערעדט פון די גרויסקייט פון די צדיקים וואו מ׳איז געפארן, נאכגעזאגט מימרות פון זיי און געזינגען אינאיינעם זייערע ניגונים.

דער ראש ישיבה שליט״א האט געזאגט אז אנשי שלומינו פארשטייען נישט צומאל פארוואס מ׳דארף פארן צו קברי צדיקים, מיר זענען דאך צוגעוואוינט צו רעדן צום אייבערשטן אלעמאל און איבעראל, מיר ווייסן אז מ׳קען זיך אלץ אויסבעטן ביים אייבערשטן אלעס וואס מ׳וויל, אבער דער הייליגער רבי זאגט אז ביי קברי צדיקים קען מען גרינגער און שנעלער פועל׳ן, אפילו ווען מ׳איז נישט ראוי געהאלפן צו ווערן. ביי קברי צדיקים מאכט מען אזוי ווי א שנעלערע וועג, גרינגער און שנעלער געהאלפן צו ווערן.

ביי יעדן ציון האט מען געזאגט אינאיינעם תהלים, מ׳האט געמאכט א סדר אנצוהויבן תהלים ביים ערשטן ציון, און ווייטער ממשיך געווען ביים צווייטן ציון, ביז מ׳האט אויסגעזאגט גאנץ תהלים אין לויף פון די נסיעה. דאס איז אויסער די תפלות און התבודדות וואס יעדער האט זיך אויסגעבעטן ביי די אלע הייליגע צדיקים.

עס האט זיך דערקענט אז עס פארן א חבורה פון היכל הקודש, ווען יעדער איז געווען פארנומען צו ענדיגן זיינע שיעורים אויפ׳ן וועג, יעדער מיט זיין חומש, משניות, גמרא, און אזוי ווייטער. אויך האט דער ראש ישיבה שליט״א פארגעלערנט יעדן טאג דעם טעגליכן שיעור אינעם דף הקהלה, שטייענדיג אויפ׳ן באס, מיט וואס דער עולם האט זיך מחי׳ געווען, ווי אויך האט ער פארגעלערנט ווייטער שיעורי התחזקות. מ׳קען הערן די אלע שיעורים און דרשות אויפ׳ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין.

מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף האט מען געלאנדעט צוריק אין ניו יארק אום מיטוואך אווענט.

**על ידי השתטחות על קברי צדיקים, הקב״ה עושה לו טובות,**

**אף על פי שאינו ראוי לכך** (ספר המידות, אות צדיק, קעג).

***

# "ורפא ירפא" עמערזשענסי קאמפיין גייט נאך אן

## לרפואת יצחק בן פיגלא

ווי געמאלדן די פארגאנגענע וואך ווערט אידן אנגעווארעמט אין די יעצטיגע טעג צו א גאר קריטישע

<<<<<<

## יום טוב חנוכה

**גרייט זיך אויף חנוכה מיט א הערליכע רייכע אויסוואל פון שיעורים, דרשות, מעשיות פאר קינדער, און נאך**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >